„Radomer - Kieloer Leben" 27 (367) „Należyto ć [...]ctową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײנט פרײטאג!

Radom, dnia 10 Lipca 1931 r.

ראדאם, פרייטאג, כ"ה תמוז תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפאַלטען
" אין טעקסט 4 "

Biuro próśb, windykacji i buchalterji

## „EXPRESS"

RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 6)

**za dostępną opłatę**

Redaguje prośby, podania, odwołania, umowy it p.

przepisuje na maszynach i tłumaczy wszystkie języki.

informuje o zdolności kredytowej.

załatwia korespondencję handlową i prywatną.

windykuje należności miejscowe i zamiejscowe

i załatwia wogóle wszystkie czynności w zakres biurowości wchodzące

Tanio! Szybko! Solidnie!

## דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס דעם בעסטען און טייערסטען דאנק דעם געעהרטען **ד"ר הערטץ** (גינעקאָלאָג) פאר זיין אונערמידליכער ארבייט ביים אָבּראַטעווען די פרוי ר ח ל ב י ר ע נ ב ו י ם (קאָזשעניצער 4) פון א גרויס געפאהר.

ד"ר ה ע ר ט ץ איז געגאנגען אויפ'ן ערשטען רוף דריי ביינאכט און א דאנק זיין טיכטיגע און שנעלע הילף איז זי לעבען געבליבען און פיהלט זיך גוט און געזונד.

מיר ווינשען איהם ערפאָלג און, אז ער זאָל מצליח זיין אין אלע וועגען ווי ער האט דאָ מצליח געווען.

**יוסף שוכהענדלער**
**גיטמאַן בלייוואס.**

## א ספר-תורה קיין גארבאטקע

וועלכעס מנין עס נויטיגט זיך שטאַרק אין אַ ספר-תורה קען דאָס בעקומען ביים מורה הוראה פּ ע ר ק י ל

**ראדאם, רינעק 6 (7)**

P. Szlamie Rozenwaldowi

Z intencji zaręczyn Jego z p. Maszą Geldbeterówną serdeczne życzenia składają

Ewa Kluska, Zosia Grysman,
Szajncia, Piwko, Janka
Kielce. i Basia Wajsberżanki,

## בעקאַנטמאַכונג.

אין דער נאָהנטסטער צײַט ווערט געעפענט אין קעלץ

**אַ מושב=זקנים** פאר מענער און פרויען.

קאַנדידאטען, פון 60 יאָהר אָן, ווערען אָנגענומען נאָכ'ן אריינשיקען אַ ב י ט ע מיט בייגעלעגטע געהעריגע דאָקומענטען.

--- אדרעס: ---

**Sierociniec Żyd.** KIELCE Seminaryjska 22

## דאנקזאגונג.

אונזער הארציגסטען דאַנק דעם געעהרטען ה' **ד"ר י. שאָץ** אין קעלץ פאר זיין אויסערגעוועהנליכע איבערגעבענקייט צום קבוץ, ביים מיטטיילען אומזיסטע מעדיצינישע הילף.

מיט ארבייטענדען אײַ גריס

**קבוץ „בּורוכוב" אין קעלץ.**

## א התראה!

טראָץ מיינע איניגע ווענדונגען צו ה' **אלתר ערליך** אז ער זאָל זיך שטעלען מיט מיר לדין, ביז היינט האָט ה' א ל ת ר ע ר ל י ך נישט בּייחליגט אויף דעם איינצוגעהן, דעריבער ווענדע זיך צום לעצטען מאָהל צו ה' א ל ת ר ע ר ל י ך, אָז ער זאָל נאָכקומען מיין פערלאנג צו שטעלען זיך לדין ז ו נ ט א ג דעם 12 ה. ח.

אין געגענטהייל בין איך נישט פעראנטוואָרטליך פאר די עווענטועלע קאָנסעקווענצען.

**ה. זלאָטאָ** קעלץ.

# צוויי בעאמטע פון דער ראדאמער באהן-דירעקציע ווערען גע'משפט פאר מיסברויכען.

אין ראדאמער קרייז-געריכט איז די טעג פארגעקומען א פראצעס חעגען מיסברויכען אין דער היגער באהן-דירעקציע.

אויף דער בעשולדיגונג'ס-באנק זענען געזעסען די בעאמטע קאוואליק, דלוזשניעווסקי און סלאדקאווסקי. דער ערשטער, פ'הייסט קאוואליק, איז געווען מאגאזינערער פון דער דירעקציע. זיין שולד בעשטעהט אין דעם, וואס איהם ווערט פארגעווארפען, אז ער האט רעפראודירט מיט אנצעגער-שטאף אויף א סומע 31 טויזענד זל. ער איז דער הויפט-בעשולדינטער. געגען איהם ווערט אויפ'ן פראצעס ארויסגעדוקט א שווערער, בעלאסטענדער מאטעריאל.

דער סענסאציאנעלער פראצעס האט צוגעצויגען א גרויס פובליקום, וואס איז בעשטאנען צו-מייסט פון די בעאמטע פון דער באהן-דירעקציע. אלס פערטיידיגער זענען ארויסגעטרעטען די בעקאנטע ראדאמער אדוואקאטען מייער און זשיטאמיעצקי. די ציוויל-תביעה מצד דער דירעקציע האט אריינגעטראגען אדוו. וואשילעווסקי.

די ריכטער און די אדוואקאטען ערשיינען צום ערשטען מאהל אין געריכט אין ספעציעלע טאגעס, וואס מאכט א שטימונגס'פולען איינדרוק.

די געריכט'ס-פערהאנדלונגען האבען זיך געצויגען א גאנצען טאג און לסוף איז ארויסגעטראגען געווארען דער אורטייל. לויט וועלכען מארטשין קאוואליק איז פער'משפט געווארען אויף צוויי יאהר תפיסה, יאן דלוזשניעווסקי צוליב זיין שוואכע אויפזיכט — אויף א חודש ארעסט און דאס אויספיהרען די שטראף ווערט אבגעלעגט אויף צוויי יאהר. מיעטשיסלאוו סלאדקאווסקי האט דאס געריכט בעפרייט.

די ציוויל-תביעה פון דער דירעקציע האט דאס געריכט בעזייטיגט. היות קאוואליק האט זיך געפינען אויף דער פריי צוליב דעם, וואס אין איינגעלעגט געוועהן פאר איהם 30 טויזענט זל. קויציע — האט דאס געריכט געפארערט אז די גאראנטירער, די ערבים זאלען בעשטעטיגען, צי זיי לאזען ווייטער איבער די קויציע. דער שווער פון בעשולדיגטען האט ערוב געווען מיט 15 טויזענד זל, וועלכע ער האט ווייטער איבערגעלאזט, דאגעגען דער צווייטער ערוב האט זיין קויציע צוריקגעצויגען און קאוואליק איז איינגעזעצט געווארען ביז ס'ווערט אריינגעטראגען ווערען די רעשט קויציע.

⊚⊚⊚

# זומער-קאלאניעס פאר יודישע קינדער אין גארבאטקא.

אויף דעם 1-טען סעזאן פון די זומער-קאלאניעס פאר'ן ראדאמער „טאז". אין גארבאטקא ווילען יעצט 51 קינדער פון די היגע פאלק'ס-שולען, תלמוד-תורה און ישיבה.

די קאלאניעס פערנעמען 2 חיליעס און געפינען זיך אין וואלד.

די ערנעהרונג קומט פאר 5 מאל די קינדער געפונען זיך אונטער דער אויפזיכט פון א קוואליפיצירטען פערסאנאל. די קוך איז שטרענג כשר יעצט האבען די קאלאניעס בעקומען נייע אייזענע קינדער-בעטען ווי אויך נייעס בעטגעוואנד.

דאס איינשרייבען פון די קינדער אויף דעם צווייטען סעזאן פאנגט אן דען 15 יולי ה. י. אין ביורא פון „טאז" (דלוגא 45) פון 9 ביז 2 א זייגער.

גער נ"מ.

די צאהל ערטער איז בעגרעניצט

# בע'גנב'עט א יודישע באנק.

### מילא געלד איז אזוי, אבער מיט די וועקסלען, וואס וועלען די גנבים טוהן?

אין דער באנק-דיסקאנטאווע, לובלינער 2 איז געשעהן א גנבה.

די גנבה איז אייגענטליך אויסגעפיהרט געווארען נישט אין דער באנק גופא, נאר ביי איינעם פון איהרע אינהאבער, ביים ה' רוטמאן. אין דער נאכט פון דאנערשטאג אויף פרייטאג האבען זיך צו איהם אין פריוואט-וואהנונג וואהל 22 אריינבעקומען גנבים אויסברעכענדיג די פעדערשטע טהירען. ס'איז שוין געווען שפעט ביינאכט און ה' רוטמאן איז שוין געהאט געשלאפען. ווען די גנבים האבען גוט בודק געווען אלע ווינקלען און גארנישט געפונען האבען זיי געמאכט א רעוויזיע אונטער'ן קישען פון שלאפענדיגען בעל-הבית, פון וואנען זיי האבען אפויערגענומען א טעטשקע מיט א גרעסערע צאהל וועקסלען אין עטליכע הונדערט זל. וואס האט געהערט אלס אייגענטום צו דער באנק.

אין שטאדט האט זיך באלד פערשפרייט א קלאנג, אז די ארויסגע'גנב'טע וועקסלען בעטרעפען בערך

---

ארויסנעמען. יענער דאקטאר האט דאס ארויסגעזאגט ווי מיט א שטרענגען בעפעהל און דערביי געקנייטשט מיט'ן שטערען ווי ס'וואלט בעדייט, אז מיין לאגע איז א ערנסטע. ער האט מיר געהאלפען מיט טערשירענע מיטלען צו פערלייכטערען מיר די וועהטאג בשעת וואס איך האב שרעקליך געקרעכצט.

ווען דער דאקטאר האט מיר צוריק פערבונדען די האנד האט מען האסטיג געקלינגען ביי דער טהיר. אלע האבען זיך דערשראקען. רבקה'לע די ווירטין האט פערבראכען מיט די הענר, אז נישט אנדערש נאר יענע באנדיטען וואס האבען איר מאן צושמעטערט דעם קאפ זענען איצט געקומען פערענדיגן זייער „נאפאד" און פארערען געלד. אלע, וואס זענען געווען אינווענינ, די זיהן און אפילו די דאקטוירים האבען ארויסגענומען רעוואלווערען כדי אויף יעדען פאל צו קענען זיך פערטיידיגען און דערוויל האט זיך קיינער נישט געאיילט צוגעהן עפענען. דאס גלעקעל ביי דער טהיר האט אבער גענומען מיט נאך מעהר רעש קלינגען און געריסען אין די אויערען. מ'האט געקלערט יא עפענען; נישט עפענען און דאס גלעקעל און די גאנצע צייט נישט אבגעשטאנען און מ'האט שוין זאגאר געהערט קלאפען אין טהיר מיט הארטע פויסטען און שטרענגע אויסגעשרייען, אז מ'זאל עפענען. מ'האט שוין נישט געקאנט לענגער ווארטען און די דינסט איז געגאנגען עפענען. ס'איז אריינגעקומען א פאליציי-קאמיסאר אין בעגלייטונג פון אגענטען און עטליכע פאליציאנטען, וועלכער האט זיך ענטשולדיגט און געפרעגט, וואס ס'איז געשעהן מיט ה' פאמעלסאהן און ווי אזוי ס'איז אויסגעפיהרט געווארען אויף איהם דעם אנפאל. רבקה'לע האט זיי געבעטען זעצען און דערנאך האבען די טעכטער און זיהן גענומען איבערגעבען די גאנצע געשעהעניש און אליין געהויבען מיט די פלייצעס, אז זיי קאנען נישט פערשטעהען, וואס דא איז פארגעקומען.

ווען דער קאמיסאר האט קאטעגאריש געפרעגט: אבער זאגט מיר, שאנאווגע פאנסטווא, איז עס געווען א „נאפאד", אדער נישט? ווי מיינט איהר? האט נישט קיין מורא, זאגט דעם אמת. אפשר זענט איהר שעראריזירט, זאגט אלעס אויס, וועלען מיר אנגעמען מיטלען. פון יענעם רעסטאראן, וואו מ'האט אויסגעזעצט די שויב האט מען צו מיר געקלינגען און איבערגעגעבען, אז דארט איז מען משער, אז דאס איז געווען א באנדיטען-אנפאל וועלכער איז געווען געציעלט אויף אייער מאן און פאטער. אלזא, זאגט, ווי בעטראכט איר זיך צום געשעהעניש. האלט איהר עס פאר א „נאפאד" צו נישט?—

אין מיר האט זיך געווארפען הענד און פיס. כהאב געקלאפט א צאהן אויף א צאהן. אויף די פראגע פון קאמיסאר האט נישט קיינער געענטפערט. ס'איז געווארען שטיל און די שטימונג איז געווען געוואלדיג אנגעשטרענגט. דער-קאמיסאר מיט זיינע אגענטען האבען געקוקט מיט טיעף פארשענדע בליקען אויף דער פאמיליע פאמעלסאהן און געווארט אויף א ענטפער. ענדליך האבען זיי זיפצענדיג געענטפערט, אז זיי ווייסען נישט וואס צוזאגען. ס'קאן זיין, אז ס'איז געווען א „נאפאד" און ס'קאן זיין, אז ס'איז נישט געווען. נישט בעקומענדיג קיין קלארען ענטפער איז דער קאמיסאר אריין צום ה' מאריץ סאמעלסאהן אין שלאף צימער. אלע

70 פויזענר זל. און א טייל מענשען וואס האבען געהאט דעם זעלבען טאג צו צאהלען וועקסלען האבען דערווייל אביסעל אבגעאטהעמט און נישט געברויכט זיך ברעכען דעם קאפ ערגיץ צו כאפען א גמילת-חסד׳ל אויסצוקויפען דאס וועקסעל. זיי האבען זיך געטראכט ביז-וואס, ביז-ווען, ביז מ׳וועט די וועקסלען אננעמען, וועט דערווייל אדורך א פאר טעג און דאס וועט זיין די בעסטע „זאטשימאניע" אהן א גראשען געלד.

די פאליציי פהרט אנ׳ענערגישע אויספארשונג. ווי מ׳הערט זאל די גנבה שוין האבען ענטדעקט געווארען.

# א עהרען-געריכט צווישען די פרנסים

## וואס האבען געשלאגען און זענען געשלאגען געווארען

ווי מ׳הערט לעגט זיך די גמינע שטארק אריין צו מאכען שלום צווישען די פרנסים נאכ׳ן גרויסען געשלעג-סקאנדאל, וואס איז פארגעקימען אין דער קהלה די פאריגע וואך. ס׳זאל געשאפען ווערען א עהרען-געריכט, וואס זאל משפט׳ען די שולדיגע.

דער הויפט-איניציאטאר זאל זיין דער פרעזעס מאטיל אייזמאן. ער זאל דאס צונויפברענגען די אנגע׳ברוגז׳טע טע צדדים און שליסען צווישען זיי פריעדען. דאס ערשטע איבערבעטען זיך זאל פארקומען צווישען די דאזארעס בנימין האכמאן און דוד סטודניע.

# גרויסער ערפאלג פון דער איינציגער יודישער פאך-שולע.

### 5 שילער געענדיגט די שולע מיט אויסצייכנונגען.

די אידישע געזעלשאפט אין ראדאם און געוויסערמאסען דאס אידישע האנדווערקערטום קאן זיך בעריהמען מיט א ערפאלג אויפ׳ן קולטורעלען געביעט.

ענדע טשערוויעץ האבען געענדיגט די אידישע ערגענצונגס-פאך-שול 5 שילער און האבען בעלעגט דעם ענדע עגזאמען לויט דער אנווייזונג פונ׳ם קראקאווער שול-קוראטאריום פאר דער רעגירונגס-קאמיסיע אין ראדאם מיט א גלענצענדען ערפאלג. אלע שילער — אין 100 פראצענט — האבען בעקומען די ענדע-צייגנישען, וועלכע ערמעגליכען זיי צו האלטען דעם משעלאדנישען עגזאמען ביי דער „איזבע ושעמיעשלניטשע" אין זייער פאך. דאס זענען די שילער-טערמינאטארען:

1) קושניערש — מ. פאסטערנאק
2) שניידער — פאמעראניעץ
3) „ — י. זיידענמאן
4) זייגערמאכער — קיילער
5) מאשיענזשניק — גוטמאן.

דאס זענען די ערשטע רעגירונגס-צייגנישען, וועלכע די שילער האבען ערהאלטען זייט די שול עקזיסטירט. דאס איז א בעווייז, אז די שול שטעהט אויף א הויכער פעדאגאגישער מדרגה. דער לייטער פון דער שולע אינזשיניער און פעדאגאג ש. אייזענבערג האט צוגעלעגט אלע זיינע כוחות און ענערגישע בעמיהונג אום מיט דער הילף פונ׳ם לעהרערשאפט, צו שטעלען די שולע אויף דער דאזיגער שטופע.

דער דעלעגאט פונ׳ם קראקאווער שול-קוראטאריום אינזש. בולעווסקי, וועלכער האט די שולע וויזיטירט, צום סוף פונ׳ם שול-יאהר, האט ז׳עס אויך מיט אנערקענונג קאנסטאטירט. ס׳איז אויך יעצט דא א האפנונג, אז אינ׳ם קינפטיגען יאהר וועלען שוין די אביטורענטען קענען ביילעגען דעם ענדע-עקזאמען ביי א אייגענע קאמיסיע.

די שול, וועלכע האט אינ׳ם פעריגען שול-יאהר געהאט אומגעפעהר 160 שילער ערווארטעט אינ׳ם קינפטיגען שול-יאהר, אז די צאהל וועט זיך פערגרעסערען ביז 200—220. שוין אין די לעצטע 2 חדשים האבען זיך א סך עלטערען געווענדעט וועגען אינפארמאציעס. א דאנק דעם, וואס דער קעראוניק פון יאסעלעוויטשעס פאוושעכנע-שול ה׳ גאלדשטיין אויף דער ביטע

---

זענען מיטגעגאנגען. ה׳ סאמעלסאהן איז געלעגען אין בעט מיט א פערבאנדזשירטען קאפ. קוים וואס מ׳האט ארויסגעזעהן די אויגען מיט׳ן מויל. ביי איהם איז געשטאנען א דאקטאר אין א ווייסען פארטוך און געהאלטען דעם פולס אין האנד. דער קאמיסאר איז צוגעגאנגען נעהנטער צום בעט אויף די שפיץ-פינגער, זיך איינגעבויגען און שטיל געזאגט: גוטען אווענד אייך פאניע סאמעלסאהן. וואס מאכט איהר, פיהלט איהר זיך בעסער? —

— גאט זיין דאנק בעסער, פאניע קאמיסאזשע! האט ה׳ סאמעלסאהן שטיל געשעפטשעט.

— געלויבט איז גאט — האט דער קאמיסאר נאכגעזאגט — איז מיר ערלויבט ה׳ סאמעלסאהן אייך צו שטעלען א פראגע? —

— פאר וואס נישט, פרעגט!

— קאנט איהר נישט וויסען, ווער ס׳האט געווארפען דעם שטיין אין שויב איז דאס געווען א באנדיט? דערמאנט אייך ה׳ סאמעלסאהן. —

— איך קאן זיך נישט דערמאנען. כ׳ווייס נישט. כ׳האב גארנישט געזעהען. כ׳האב בלויז געפיהלט א שטיין מיט שויבען-גלאז אין קאפ. מעהר ווייס איך נישט פאניע קאמיסאזשע! —

— אבער ווי דאכט זיך אייך, איז דאס געווען לויט אייער מיינונג א באנדיטען-אנפאל, צי נישט? האט מען נישט אויף אייך געלאקערט מיט עטליכע טעג פריהער?

— כ׳ווייס אליין נישט, ה׳ קאמיסאר, פארשט אויס.—

איך האב זיך אינגאנצען א טרייסעל געטוהן. אין קאפ האבען זיך מיר די געהירען פערברענט. דאס מויל האט זיך מיר אויפגעריסען און גענומען שיטען מיט ווערטער, וואס כ׳האב אליין נישט געהערט. כ׳דערמאן זיך יעצט וואס כ׳האב גערעדט. יעצט דערמאן איך זיך, ווי כ׳בין צוגעלאפען צום ה׳ סאמעלסאנ׳ס בעט און אויסגעכליפעט:

— מען דארף נישט פארשען, דער אנפאלער דאס בין איך. איך האב אויסגעזעצט די שויב. איך בין נישט קיין באנדיט. כ׳בין געווען הונגעריג, דריי טעג נישט געהאט געגעסען. פון נויט און פיין בין איך דעם שריט בעגאנגען. נישט געוואלט קיינעם טרעפען דעם ה׳ סאמעלסאהן אוראי נישט. ער האט מיט מיר געטוהן חסד. ער האט מיר געגעבען א דירה. זאל זיין א קעלער. כ׳האב מעהר נישט געקאנט אויסהאלטען. כ׳האב אויף קיינעם נישט געוואלט אנפאלען. דאך פיהל איך, אז כ׳בין בעגאנגען א פערברעך און נאך מעהר פלאצט מיר דאס הארץ, וואס צוליב מיר ליגט יעצט מיין טייערער ווירט אין בעט א פערבאנדזשירטער.

ארעסטירט מיך ה׳ קאמיסאר. אמת, איך האב זיך אליין צושניטען א האנד און דער דאקטאר הייסט מיך זאפארט געהן אין שפיטאל, אבער כ׳וויל נישט. כ וויל בעסער געהן אין תפיסה אבקומען פאר מיינע זינד.—

כ׳בין נאכדעם ארויפגעפאלען אויפן בעט, וואו ה׳ סאמעלסאהן איז געלעגען איהם געקושט די הענד און געיאמערט מיט טרערען:

— טייערער גוטער מענש, זייט מיר מוחל, גאט זאל אייך באלד שיקען א רפואה שלימה, כ׳וועל דאס אין תפיסה בעטען פאר אייער געזונד. כ׳וועל תהלים זאגען און מתפלל זיין צו גאט, א גוטע נאכט, זייט געזונד – און אבזאגענדיג דאס בין איך צוגעשפרונגען צו די פאליציאנטען און זיך געבעטען ביי זיי: ארעסטירט מיך.

אין צימער איז געווארען א שרעקליכע אויפרודערונג. מיינע ווערטער האבען אלע אויסטערליש איבערראשט און ה׳ סאמעלסאהן אליין האט זיך מיט אלע כחות אויפגעזעצט אויפ׳ן בעט און מיך שטוינענד אנגעקוקט, די אגענטען האבען מיך שוין געוואלט ארעסטירען, אבער דער קאמיסאר האט זיי בעפוילען צו ווארטען און ווענדענדיג זיך צו מיך האט ער געזאגט:

— איידער איך וועל אייך ארעסטירען, וויל איך אייך עפעס פרעגען. איהר וועט אזוי גוט זיין און מיר ענטפערען אויף מיינע פראגען.—

— ביטע זעהר, כ׳בין גרייט, — האב איך סאפענדיג געענטפערט און ס׳האט זיך אנגעהויבען א אינטערעסאנטער געשפרעך.

(פארזעצונג קומט)

פינ'ם לייטער אינזש. אייזענבערג זאָגט צו צוגעבען צו דער דיספּאָזיציע פון דער שולע דעם צווייטען לאָקאַל, וועט זיין מעגליך צום קינפטיגען שול־יאָהר אזא צאָהל שילער די לימודים צו ערמעגליכען.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אז די לימודים אין דער שולע ווענען בחנם. וועגען דער פינאַנסיעלער זייט זאָרגט א 5 פּערזאָנען־אויפזיכט'ס־ראַט דעסיגנירט אויסגעקליבען פון דער קהלה אין דער שפּיץ מיט'ן אינזש. ל. בעקערמאַן. אויבוואָהל דער ראַט טהוט אַלעס אום די פינאַנסיעלע זייט זאָל אויך שטעהן אויף דער מדרגה, מוז מען אָבער מיט'ן בעדויערען ערקלערען דאָס עס איז נישט געלונגען צו ערפילען. די לעהרערס איז פערלעגען אין זייערע פענסיעס פאַר 3 מאָנאַט, און די טייל־פענסיעס וועלכע זענען געוואָרען אויסגעצאָהלט אין וועקסלען איז דורך די גמינע נישט געוואָרען אויסגעקויפט. עס איז אפשר דאָ די פערטיידיגונג דאָס יעצט איז פאָרגעקומען די וואָהל־קאַמפּאַניע וואָס האָט געשטערט די גמינע צו ערפילען איהרע התחיבות'ן לגבי די לעהרער. עס איז אָבער צו האָפען, אז די נייע פערוואַלטונג פון דער קהלה וועט די זאַך נעמען צום הארצען און וועט איהרע התחיבות'ן לגבי אזא נוצליכע און נויטווענדיגע אינסטיטוציע ווי די ערגענצונג'ס־פאַך־שולע מיט כבוד ערפילען.

## פון „שומר הצעיר”.

די אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר” האָט לעצטענס אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָנקומען פון זומער, אָנגעהויבען א לעבהאַפטיקע טעטיגקייט. איין גדוד „צופים” געפינט זיך שוין אויף זייער מושבה אונטער שידלאָוויעץ אין א שעהנער געגענד. א צווייטער גדוד פאָהרט ארויס א טוריסטען־מושבה און די בעסקידען־בערג. די דריטע איז א ארבייטס מושבה, וועלכע וועט דויערען א לענגערע צייט.

# צוליב א נישט אויסגעראָכערטען פּאַפּיראָס אויסגעבראָכען א שרעקליכע שריפה.

אין דאָרף סוכא הינטער ראַדאָם איז אויסגעבראָכען א שרעקליכע שריפה, וועלכע האָט בליץ־שנעל אָרומגעכאַפּט א גאַנצע רייהע דאָרפישע בנינים. פעלד מכשירים און אפילו פערניכטעט לעבעדיגע אינווענטאַר'ס. צוליב דעם שטאַרקען ווינד האָט זיך דאָס פייער איבערגעטראָגען אויף די שכנות'דיגע הייף און אין פערלויף פון מינוטען זענען 18 הילצערנע געביידעס געשטאַנען אין פייער.

אין דער רעטונג'ס־אַקציע האָבען אנטייל גענומען א חוץ די ראַדאָמער פייערלעשער אויך פון דער אָרומיגער געגענד.

ווי ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט איז די שריפה אויסגעבראָכען פון א נישט־אויסגערייכערטען פּאַפּיראָס וואָס עמיצער האָט ארויסגעוואָרפען אויף א קופּע שטרוי, וואָס איז געלעגען לעבען איינעם פון די דערמאָנטע 18 הילצערנע געביידעס.

# עקזאַמענס פון ארעסטאַנטען.

אין היגען קרימינאַל איז די טעג פאָרגעקומען עקזאַמענס פון די תפיסה'ניקעס.

אין דער עקזאַמיניר־קאָמיסיע האָבען זיך בעטייליגט דער פערטרעטער פון שול־אינספעקטאָר ס. גוניאַ; פערטרעטער פון תפיסה נאַטשעלניק ע. גרושעצקי און דער תפיסה־לעהרער ק. וועגערסקי. פאָרזיצענדער פון דער קאָמיסיע איז געווען פּראָקוראָר מ. שאַסער.

ס'זענען עקזאַמינירט געוואָרען 39 ארעסטאַנטען־שילער, פון וועלכע 7 האָבען געמאַכט פאָרשריט און בעקומען א „5”; 10 שילער — „4”־ען; 21 — „3”־ען און קוים אייגער האָט זיך אָבגעקלאַפּט”.

אין דער תפיסה־שולע לערנען כמעט אַלע אַרעסטאַנטען, אויסער פרויען און קאַמיניסטען.

# פערקויפט געהיימע דאָקומענטען

## אַלס מאַקולאַטור צו פערפּאַקען פערשידענע פּראָדוקטען אין די שפּייז־געוועלבער.

א סענסאַציאָנעלע ענטדעקונג איז די טעג געמאַכט געוואָרען אין ראַדאָם.

אין א טייל געוועלבער אויפ'ן וואָהל ווערען זינט א געוויסע צייט איינגעוויקעלט די פערקויפטע שפּייז־אַרטיקלען אין דאָקומענטען פון ראַדאָמער סטאַראָסטווא, ווי אויך פון דער היגער פּאָליציי־קאָמענדע.

אויף די דאָזיגע דאָקומענטען, וועלכע האָבען א שייכות מיט דער צייט פון די יאָהרען 1928—1924 פיגורירען די אינטערשריפטען פון געוו. סטאַראָסטאַ סטזשעשעווסקי; געוו. פּאָליציי־קאָמיסאַר פון דער פּאָליטישער אָבטיילונג יוזעף מאָשאָרא; געוו. פּאָליציי־קאָמענדאַנט גרעפנער און געוו. פּאָליציי־קאָמיסאַר גוואָזשדז א. ד. ג.

ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזען ענטהאַלטען די דאָזיגע דאָקומענטען א רייהע מעלדונגען מיט א פּאָליטישען אינהאַלט וואָס זענען נוגע ראַדאָם און דעם פּאָוויאַט. חוץ דעם האָבען די דאָקומענטען א שייכות מיט די פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג און דאָס פעראיינס־לעבען בעלויכטען גלייכצייטיג פון געזעלשאַפטליכען, ארגאַניזאַציאָנעלען און פּאָליטישען שטאַנדפּונקט.

א טייל פון די דאָקומענטען זענען געווידמעט דער טהעטיגקייט פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און טראָגען א געהיימען כאַראַקטער.

די ענערגישע אויספאָרשונג פון דער פּאָליציי האָט פעסטגעשטעלט, אז די דערמאָנטע דאָקומענטען זענען פערקויפט געוואָרען אַלס מאַקולאַטור צום סוחר מ. ז. פון פּאָדוואַלניע 3.

די „טראַנזאַקציע” האָט אויסגעפיהרט א געוויסער סטאַניסלאַוו בענקאָלאַ, אינספעקטאָר פון א געזעלשאַפט פון געגענזייטיגע פערזיכערונג און דער פערקויף איז פאָרגעקומען אין דער געביידע פון ראַדאָמער פּאָוויאַטאָווען סיימיק דאָס פאָריגע יאָהר. ה' ז. נישט אָבגעבענדיג זיך קיין שום חשבון האָט די געקויפטע אַקטען ווידער פערקויפט פערשידענע סוחרים אין קליינהענדלער פאַר גראָשענס אויף איינצוּוויקלען אין זיי שפּייז־פּראָדוקטען ווי אויך אויף אויסצואַרבייטען בייטלען.

א טייל פון די דאָקומענטען איז דער פּאָליציי געלונגען ארויסצוציהען פון פערקויף.

ווי מען פערזיכערט, האָט מען דאָ צוטוהן מיט א גרינגשעצענדע פערנאַכלעסיגונג פון א פונקציאָנער אין דער סטאַראָסטווא, וועלכער האָט דורך א פערזעהן אויסגעמישט די דערמאָהנטע דאָקומענטען מיט נוצלאָזן מאַקולאַטור און דאָס אַלץ צוזאַמען איז געוואָרען פערקויפט אַלס אונבעדייטענד פּאַפּיר דעם ה' ז.

— די — שענסטע טאַפּעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאַנג־יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאַן
ראַדאָם, לובלינער 21.

ענגליש
איבערזעצונגען פון ענגליש
ענגלישע און פּוילישע האַנדעלס־קאָרעספּאָנדענץ
ערשטקלאַסיג — מייסטערהאַפט
ראַדאָם, זשעראָמסקי (לובלינער) 14, וו. 2
אין די שעהן 9—7 פריה אין אָווענד.

# קעלצער אבטיילונג.

## דער דרייסטער באנדיטען-אנפאל אין זאגנאנסק.

קיעלץ איז פאריגען פרייטאג, אין די נאכמיטאג שעה'ען, אויפגעציטערט געווארען וועגען א שרעקליכען רויב-מארד אין זאגנאנסק.

באלד איז ארויסגעפאהרען קיין זאג-נאנסק איינינע פאליציי-פארשטעהער און דער אויספארשונג'ס-ריכטער.

ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען איז אין זאגנאנסק פארגעקומען א אונגע-וועהנליך דרייסטער באנדיטען-אנפאל, אין מיטען העלען טאג, אויפ'ן מוסטער פון די בעריהמטע שיקאגער אנפאלען.

ווען דער קאסירער פון דער פראנ-צויזישער האלץ-פירמע אין זאגנאנסק ה' מאשטעק איז געקומען 2 א זייגער פון קעלץ און זיך דערנעהנטערט צו דער ריכטונג פון טארטאק, זענען פלוצ-לינג אינטערגעשפרונגען פון אינטען 2 פרויען און ארויסגעריסען פון זיין האנד די טעקע און א וואליזקע. גלייכ-צייטיג האבען די איבערפאלער 2 מאל אויפגעשאסען צו מאשטעק. איין קויל האט געטראפען אין האלז און מיל-שטעק איז געבליבען שטערבליך פער-וואונדעט. דאך האט ער נאך בעוויזען ארויסצוכאפען זיין רעוואלווער און אויסשיטען צו די אנטלויפענדע באנ-דיטען. ער האט אבער גישט געציעלט און די באנדיטען איז געלונגען צואנט-לויפען. מאשטעק איז אין א פאר מינוט ארום געשטארבען.

דער אנפאל איז פארגעקומען אין די אויגען פון הונדערטער מענשען. אלץ איז אבער געווען שנעל, אז אלע זענען ווי פערגליווערט געווארען און נישט פערשטאנען פון אנהויב וואס דא קומט פאר.

לויט ווי די אנוועזענדע ביים מארד גיבען איבער זענען די באנדיטען גע-ווען איבערקלייבעט פאר פרויען. אזוי ארום האבען די באנדיטען ווייניג געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמ-קייט.

דער פארפאל האט געמאכט א שטאר-קען רושם. ביז איצט איז נישט געלונ-גען צו כאפען די מערדער.

## דער פיהרער פון די לינקע פועלי-ציון, זרבבל, ארעסטירט אין קעלץ.

די דורכגעהער אויף שענקעוויטשא גאס האבען דינסטאג פריה בעמערקט. אז דער בעקאנטער פיהרער פון די לינקע פועלי-ציון, זרבבל, געהט איבער דער גאס אונטער א פאליציי-אישער שמירה. באלד האט מען געזעהן ווי ה' זרבבל ווערט געפיהרט אין קאמיסאר-יאט אריין.

די ידיעה האט זיך באלד פערשפרייט אין שטאדט. די קעלצער פועלי-ציוניס-טען האבען תיכף אינטערעסירט אין אויספארשונג'ס-אמט און ה' זרבבל איז בעפרייט געווארען.

ארויסגעוויזען האט זיך, אז ה' זרבבל אין ארעסטירט געווארען מאנטאג אווענד אין סוכעדני-עוו, וואו ער האט געזאלט האבען א פארלעזונג. טבעת א אונפער-אנטווארטליכער פארשוין האט צוגע-טראגען דער פאליציי, אז זרבבל איז געקומען זאמלען געלד לטובת א... קאמוניסטישען פאנד. באלד איז זרבבל ארעסטירט געווארען און געזעסען אין קאמיסאריאט א גאנצע נאכט. צומאר-גענס פריה איז ער אבגעפיהרט געווא-רען קיין קעלץ אין אויספארשונג'ס-אמט. נאך א אויפקלערונג איז ער, ווי געזאגט בעפרייט געווארען.

## פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

לעצטענס איז פארגעקומען א קאנ-סטיטואירונג'ס-זיצונג פון נייעם ציוניס-טישען קאמיטעט.

אלס פרעזעס איז געוועהלט געווארען ה' נתמיה קייזער. אלס וויצע פרעזעס — ה' גראנדאפעל.

איינשטימיג איז אויך געוועהלט גע-ווארען אלס עהרען פרעזעס — דער לאנגיעהריגער ציוניסטישער עסקן ה' אלטער ערליך.

## א נייער וויצע-וואיעוואדא.

אויפ'ן ארט פון ביז איצטיגען קעל-צער וויצע וואיעוואדע ה' קרעבעל, וועלכער איז איבערגעגאנגען אין עמע-ריטור, איז בעשטימט געווארען אויף דעם אמט דער ביז איצטיגער רעגי-רונג'ס-קאמיסאר אין טשענסטאכאוו ה' ד"ר בראטקאווסקי.

## א קעלצער יוד בעקומט א אנערקענונגס-בריף פון מיניסטער מאראטשעווסקי.

די לעזער דערמאנען זיך די גע-שיכטע מיט'ן קעלצער יוד מאיר צעט-טעל, וואס איז מיט א יאהר צוריק בעלוינט געווארען פאר ראטעווען די לעגיאניסטען פון טויט אין יאהר 1914.

וויינט זיך אויס, אז פיעל קעלצער יודען האבען דאן, בעת די לעגיאניס-טען האבען זיך געפונען אין קעלץ. זיי דירעקט, אדער אונדירעקט, ארויס-געוויזען פיעל מיטהילף.

היינטיגע וואך האט דער קעלצער יוד מרדכי גארנעק (שענקיעוויטשא 35) בעקומען אנערקענונג'ס-בריעף פון מי-ניסטער מאראטשעווסקי און פון אי-נערן-מיניסטעריום, אין וועלכע עס ווערט איהם אויסגעדריקט אנערקענונג און דאנק פאר זיין עהרליכע און מיה-פולע ארבייט ביים אויספיהרען שניי-דעריי-ארבייט פאר'ן לעגיאן. אין די בריעף ווערט דערמאנט, אז גארנעק האט מיט זיין עהרליכקייט געבראנגט פיעל נוצען דעם לעגיאן איינשטעלענ-דיג זיין לעבען אין גרויסער סכנה, ווייל ביים צוריקקעהר פון די רוסען איז ער ווייטער געבליבען אין קעלץ נישט ווי אנדערע, וואס זענען אנט-לאפען מורא האבענדיג פאר דער רו-סישער מאכט.

אין בריעף פון אינער'ן מיניסטער-יום ווערט געזאגט, אז דער ענין איז איבערגעגעבען געווארען דעם קעלצער וואיעוואדע, וואס וועט בעשטימען א געהעריגע בעלוינונג פאר גארנעק'ן.

## ספארט.

### „מכבי" — „גוויאזדא" 1:1

דעם לעצטען שבת איז פארגעקומען א אינטערעסאנטער מייסטערשאפט-מעטש צווישען די צוויי יודישע קלובען אין קעלץ „מכבי" — „גוויאזדא".

דער מעטש האט צוגעצויגען א עו-לם פון 500 מענשען. דאס שפיעל איז געווען די גאנצע צייט זעהר אינטערע-סאנט.

ביז דער פויזע געלינגט „גוויאזדא" צו בעקומען פאר זיך איין גאל. בכלל האט זיך דער ארבייטער-קלוב שטארק ענטוויקעלט זייט דעם לעצטען יאהר, אזוי אז מכבי בעקומט איצט א גע-פעהרליכען קארקורענט.

נאך דער פויזע פערשטארקט זיך מכבי און פערשנעלערט דעם טעמפא. דאך געלונגט איהר נישט אויסנוצען איינינע גוטע פאזיציעס. אויף דער 70-טער מינוט שיסט מכבי א גאל.

דער רעזולטאט בלייבט אונגעענדערט.

ספארטמאן.



# GAZOWNIA
## MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

**קעכלעך** גאזאווע איינס און צוויי פלאמיגע

**קעכלעך** פאמיליגע און האטעלאווע

**אייוועלעך** צים באדען

**אייוועלעך** צום בראטען

**אייזענס** צום פרעסען פאר פריוואט און פאר שניידער

**הייצערס** צו פריזירער רעדלעך

**„טערמא"** אטאמאטישע אויף צו דערווארעמען וואסער פאר דאקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און עהנליכע פראפעסיעס.

אלערליי גאז-אפאראטען ווערען פערקויפט
——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———

די גאזאווניע פיהרט אויס שטופ-אינסטאלאציעס

אויף אויסצוצאהלען אין 12 ראטעס.

די גאז-אפאראטען קען מען בעקוקען אין די סקלאדעס פון די גאזאווניע אויף מלאדושאנאוו פון 10 ביז 2 נ. מ.

אלע אינפארמאציעס ערטיילט די ביורא פון די גאזאווניע טעל. 134.


# בעקאנטמאכונג.

מיר אונטערגעשריבענע יודישע גארבער-ארבייטער האבען דעם כבוד בעקאנט צו מאכען דער יודישער עפענטליכקייט אין ראדאם אויף דער אונגעהויער גרויסער עוולה, וואס ווערט איבער אונז בעגאנגען מצד די יודישע גארבערייען. די דאזיגע היה זענען אלע חסידישע, נאציאנאלע יודען.

זיי זענען:

ר' שמעריל קארמאן קאזשעניצער חסיד; ר' ישראל ווערצהייזער ווארקער חסיד; ר' איטשע מרגליות חתן המנוח ר' שמואל שו"ב ז"ל; ר' שמעון ווערצהייזער ווארקער חסיד; ר' דוד סאווע; ר' אלי הכהן קאנער פאריסאווער חסיד.

די דאזיגע חסידישע יודען האבען בעשלאסען אין נישט קוקענדיג אויף דער גרויסער נויט און הונגער אויף דער יודישער גאס, בפרט אויף דער ארבייטער-גאס—האבען זיי דאך געפונען פאר נויטיג נישט צוצונעמען און ואגאר צו בעווייטיגן פון דער ארבייט, אונז טאטעס פון קינדער פון זייער פאבריקן אין אויף אונזער ארט צוגענומען נישט-יודישע ארבייטער נישט אכטענדיג דערויף וואס מיר זענען קוואליפיצירטע ארבייטער נאך מיט 30 יאהר צוריק און מיר פערלאנגען חלילה נישט טייערער ווי זיי בעצאהלען די נישט יודישע ארבייטער. היתכן כזאת?

מיר פאדערן אלזא אויף די אלע שטיבלעך וואו די אויבענדערמאנטע ת"ח דאווענען דאס מ'זאל רעאגירען אויף זייער אונערהערטען טהאט. ווען נישט וועלען מיר זיך דאן ווענדען מיט אנ'אפעל צו אלע יודישע סוחרים, וועלכע פערווייקען פעל אין זייערע גארבערייען, זיי אויסצומיידען און חוץ דעם דאס בעקאנט מאכען אין דער יודישער פרעסע אין ווארשא.

יעקב מילגראם, בעריל וויינבערג,

109—2 בנימין שולקלאפער, ישראל לייב קריסטאל.





Wyposażenie posagowe od 5—50,000 otrzymać może każdy wpłacając drobne kwoty po zł. 5—50,000 zł. już po upływie 6 miesięcy. Żądajcie informacji i prospektów w „Pomocy Rodzinnej" Sp. z ogr. odp. Warszawa, Fredry 10.


# עפענטליכע אויפפאדערונג.

אזוי ווי מיר האבען שוין 3 מאהל אויפגעפאדערט ה' משה קליינמאן וואהל 1 לדין תורה און ער איז ניט געקומען פאדערען מיר איהם אויף עפענטליך צום לעצטען מאהל לד"ת צום רב ר' יחיאל קעסטענבערג מאנטאג דעם 13 ליפיען 7 אזייגער נאכמיטאג און מר ווארנען אייב ער וועט ווייטער ניט קומען וועלען מיר דעם ענין איבערגעבען אויפן גערישטליכען וועג, און מיר ווארפען פון זיך ארונטער יעדעס פעראנטווארטליכקייט פאר די קאנסעקווענצען.

מיט אכטונג

יואל גאלדפארב, אברהם טענענבוים.


GARBATKA PENSJONAT L. Rozenbergowej
DLA DZIECI i MŁODZIEŻY.

Pięknie i w centrum położona willa, światło elektryczne. Słoneczne i śliczne pokoje z całodziennem utrzymaniem. Smaczna wykwintna kuchnia rytualna, na żądanie jarska. — Troskliwa opieka pod kierunkiem wykwalifikowanej wychowawczyni.
**Otwarcie pensjonatu dnia 1-go Maja 1931 r.**

Ceny przystępne.




W. PROSZOWSKI
**FELCZER**
*KIELCE, ul. St. Warszawska 37*
**powrócił.**

Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 **Szczepienie ospy.**


Redaktor Ch. M. Herc    Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 30